STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10821

A MAYSE VEGN DEM TSAR SOLTAN

Aleksandr Sergeevich Pushkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ס. פּושקינ

א מײַסע וועגנ דעמ צאר סאלטאנ, וועגנ זײַנ בארימטנ אונ מעכטיקנ זונ דעמ פּירשט גווידאָנ סאלטאנאָוויטש אונ וועגנ דער פּרינצעסנ דעמ שוואנ

ייִדיש — מ. פישמאנ

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1937

רעדאקטאָר — ש. האלקינ

שפּעט באַם פענצטער שוועסטער דרײַ
זיצנ שפּינענ שפּינערײַ.
„איך זאָל זײַנ א קייסעריניע,—
שטעלט אָפּ איינע פלינק דאָס שפּינענ,—
גאָר דער וועלט, פאר קינד־אונ־קייט,
כ׳וואָלט א מאָלצײַט צוגעגרייט“.
„אונ וועננ איך בינ קייסעריניע,—
זאָגט די צווייטע, זעצט פאָר שפּינענ,—
לײַוונט וואָלט איך דאנ אליינ
אָנגעוועבט פאר גרויס אונ קליינ“.

„און ווען איך בין קייסערינע,—
זאָגט די דריטע,—כ'וואָלט געווינען
פארן פאָטערל דעם צאר
ניט קיין קינד—א ריז, א גוואר".

ווי זי איז נאָר שטיל געבליבן,
נעמט די טיר פאמעלעך סקריפען,
און עס גייט ארײַן דער צאר
פון אַט יענעם לאנד דער האר.
גייט פארבײַ—דרײַ שוועסטער ברײַען,
הערט זיך אויס זיי אלע דרײַען,
נאָר דער דריטערס רייד, צו זען,
מער צום הארצן אים געווען.
„מיידל, פאר די רייד איך אכט דיך,
פאר א קיניגן איך מאך דיך,
נאָר זאָלסט האָבן צום סאָף יאָר
מיר א פײַנעם יונג ביז גאָר".
אײַך זשע, טײַערינקע שוועסטער,
שטעלעס גיב איך אויך די בעסטע,
ווארפט אוועק דעם פאָטערס הויז
און נאָך מיר פאָרט גלײַך ארויס.
דו—א קעך ביסט א גרייטע,
און א וועבערן—די צווייטע".

ניט געדויערט האָט קיין טעג,
מ׳איז צום פּאלאץ גלײַך אוועק.
און דער קייסער האָט באפעלן
יענע נאכט נאָך כופּע שטעלן.
מיט דער קייסעריניע דאן
זעצט צום טיש זיך צאר סאלטאן.
נאָכדעם, אז ס׳איז שפּעט געוואָרן,
ט׳מען אוועקגעלייגט דאָס פּאָרל
אפּ א בעט פון העלפאנדביין
און געלאָזן זיי אליין.
צו דער יונגער קייסעריניע
בא די שוועסטער וואקסט די קינע.
אין דער קעכן זידט דער האס,
ס׳ווײַנט די וועבערן פאר קאס.
און די דריטע, די באשערטע,
ניט פארגעסן אירע ווערטער:
טראָגט פון יענער נאכט מיט גליק.

דעמלט איז געווען א קריג.
אפּן פערד ארופגעשפּרונגען,
קושנדיק זײַן פרוי די יונגע,
זאָגט איר אָן סאלטאן דערבײַ:
„כ׳בעט דיך, פּאָרזיכטיק נאָר זײַ".
ביז עס גייט דאָרט די מילכאָמע,

און ער נעמט פון פײַנט נעקאָמע,
קומט די צײַט פון האָבן שוין.
אן א־שין די גרייס און שיין
האָט זיי גאָט א זון געגעבן,
בא דער מוטער — גאָר דאָס לעבן.
און א שליִעכ מאכט זי גרייט
אָנזאָגן דעם מאן די פרייד.
נאָר די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
האָבן אָפּטאָן איר פארקלערט.
יענעם שליִעכ אומגעקערט,
אָנשטאָט דעם געשיקט א צווייטן
מיט אן אָנזאָג מיט א גרייטן:
„ס'האָט דײַן פרוי באנאכט געהאט
ניט קיין מיידל, ניט קיין יאט,
ניט קיין שטשור און ניט קיין מײַזל,
גאָר א כארפּע צו באווײַזן".

אז דער קייסער האָט דערהערט,
וואָס דער שליִעכ האָט דערקלערט,
האָט עס אים גענומען קרענקען,
און געוואָלט דעם שליִעכ הענגען;
נאָר דאָס מאָל דערבארעמט זיך.
„גיי און גיב זיי איבער גיך:

קיין באשלוס ווערט אָנגענומען,
ווארטן אפן קייסערס קומען".

מיטן בריוו דער שליִעכ פאָרט,
קומט צו פאָרן אפן אָרט.
נאָר די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
הייסן צונעמען דעם בריוו
און אין יאר פארווארפן טיף.
טרינקען אָן דעם שליִעכ שיקער

און אנ אנדער בריוו זיי שיקנ,
טיפ אינ זאק באהאלטנ זיי.
און אינ צווייטנ שטייט אזוי:
„ס'הייסט דער צאר קיינ סאכ ניט זאמענ,
נעמט דעמ אויסוואורפ מיט זײַנ מאמענ,
ווארפט אינ יאמ ארײַנ געהיימ,
ביז איכ קומ נאָכ אָנ אהיימ".
אָבער ווי עס זאָל ניט ארנ
פארנ קייסער די באָיארנ
און אויכ פאר זײַנ יונגער פרוי,
איז, ווײַזט אויס, באשערט אזוי.
האָבנ זיי דעמ בריוו גענומענ,
ניט געזאמט, צו איר געקומענ
מיטנ קייזערלעכ באפעל
און ארײַנגעזעצט זי שנעל
מיט איר זונדל אינ א פעסל,
גוט פארפּעכנ ניט פארגעסנ,
און געלאָזט אינ אָקעאנ —
קלוימערשט ס'וויל אזוי סאלטאנ.

אינ די הימלענ שטערנ הענגענ,
אינ די יאמענ כוואליעס שווענקענ;
הויכ א כמארע טראָגט דער ווינט,
אפנ יאמ א פעסל שווימט.

ווי א ביטערע אלמאָנע
קלאָגט די פרוי, זיך טרייסטנ קאָנ ניט;
אונ דאָס קינד, אינ פעסל דאָ,
גרעסער ווערט—פונ שאָ צו שאָ.
אונ דער ערשטער טאָג זיך ענדיקט,
אונ דאָס קינד צום יאַם זיך ווענדעט:
„כוואַליע, כוואַליע, זײַ מיר טרײַ!
דו ביסט פריילעכ, דו ביסט פרײַ,
דיך פארהאלטנ קאָנ ניט קיינער,
שארפסט אינ טיפעניש די שטיינער,
אונ פארפלייצסט, פארשווענקסט דעם ברעג,
שיפנ ברענגסט אונ טראָגסט אוועק,
ראטעווע אונדז פונ סאקאָנעס,
פלייצ ארויס אונדז, האָב ראכמאָנעס!"
האָט די כוואליע אים געהערט
אונ דאָס פעסל אַפֿ דער ערד
שטילערהייט ארויסגעטראָגנ,



און צוריק גענומען יאָגן.
בלײַבן לעבן זיי באשערט.
ביידע פּילן זיי די ערד.
ווער זשע וועט זיי איצט באפרײַען
פון דעם פּאס? צו וועמען שרײַען?
אופגעשטעלט זיך, ניט געווארט,
און אין דעק זיך אָנגעשפּארט,
און זיך אָנגעשטרענגט פּאוואָליע,
זאָגט דער זון: „איז ווי זשע זאָל איך
מאכן כאָטש א פּענצטער בלויז?"
און די דעק ער זעצט ארויס.
אפּ דער פרײַ עס שטייען ביידע.

זעען זיי: א דעמב עס שטייט דאָ
אפּ א בערגל אינעם פּעלד,
און ארום — דער יאַם צעהעלט.
טראכט דער זון: „עס וואָלט ניט שאטן
איצט א וועטשערע א זאטע".
ברעכט א צווײַגל אָפּ פון דעמב,
בייגט א בויגן אויס פון דעם,
און א שנירל אָנגעצויגן
פון זײַן צײַלעמ אפּן בויגן,
און א פײַלכעלע פארשניצט, —
אלץ איז גרייט און פארטיק איצט.



איז ער גלײַך אוועקגעגאַנגען
צו דעם יאַם אַ פויגל פאַנגען.

גייט ער צו צום יאַם און זיצט.
פלוצעם הערט ער: עמעץ זיפצט.
זעט אַ שוואַן אין כוואַליעס שלאָגט זיך:
איבער אים אַ שפּאַרבער טראָגט זיך.
מיט די נעגל אויסגעשפּרייט,
שנאָבל בלוטיקער איז גרייט...
האָט זיך באַלד אַ פײַל צעזונגען,
טרעפט דעם שפּאַרבער אין די לונגען.
רינט זײַן בלוט אין יאַם אַראָפּ,
לאָזט דער יונג דעם בויגן אָפּ.
זעט ער: ס'טרינקט זיך דאָרט דער שפּאַרבער,
העלפט דער שוואַן אים גיכער שטאַרבן,
מיטן שנאָבל פּיקט ער אים,

צו דעם אָפּגרונט שיקט ער אים.
שלאָגט דעם שפּארבער אָט דעם בייזן
מיט זײַן פליגל מיט זײַן גרויסן
און דערנאָך צום פּרינץ זיך טראָגט
אַפֿ זײַן מוטערשפּראַך אים זאָגט:
„דו, מײַן האר, דער זון פון קייסער,
דו, מײַן מעכטיקער דערלייזער,
דײַגע ניט, וואָס איבער מיר
וועסט ניט עסן א טאָג פיר,
צוליב מיר א פּײַל פארלאָרן,
ס'איז די צאָרע ניט קיין צאָרע.
כ'וועל דיר אָפּדינען אמאָל,
ס'וועט כאַר אַלץ דיר זײַן באצאָלט.
ניט קיין שפּארבער האָסט געשאָסן —
א מעכאַשײפֿס בלוט פארגאָסן.
האָסט געראטעוועט פון טויט
ניט קיין שוואן — א שיינע מויד.
אייביק וועל איך דיך דערמאָנען,
אומעטום ווערסט מיך דערקאָנען.
איצטער קער זיך אום צוריק,
שלאָפֿן גיי און זײַ מיט גליק".

איז דער שוואן אוועקגעפלויגן.
הונגעריק באשטימט זיך לייגן

האָט די מוטער מיט איר קינד.
און זיי שלאָפֿן אײַן געשווינד.
עפֿנענדיק די אויגן זײַנע,
זעט דער יונג א שטאָט א פֿײַנע.
וווּנדערט זיך: ער זעט זי קלאָר,
ניט אין חלום, אף דער וואָר:
ס'שטייען ווענט פֿון ווײַסע שטיינער,
אין דער הייך מיט שפּיצן־ציינער.
שטייט א שיינע שטאָט אין טאָל,
פֿינקלען קלויסטערס אָן א צאָל.
וועקט ער אוף אפֿגיך די מוטער. —
„אך, א חלום ס'איז א גוטער.

ס׳איז ניט אלץ נאָכ, מוטער, כ׳פיל,
ס׳האָט מײַנ שוואנ פארטראכט די שפיל״.
צו דער שטאָט זיי ביידע גייענ.
ווו זיי גייענ, ווו זיי שטייענ,
קלינגענ גלעקער אומעטומ
אפנ גאנצענעמ ארומ;
ס׳אָגט אנ אוילעמ זיי אנטקעגנ;
הויפלײַט האָבנ זיי באגעגנט
אינ קארעטעס פונ גינגאָלד;
אינ די קלויסטערס לויבט מענ גאָט.
אלע גרויסנ זיי אונ רימענ
אונ פאר הערשער זיי באשטימענ.
אונ דער יונגער פרינצ איז שוינ
א געזאלבטער, אינ א קרוינ.
אונ אינ הויפטשטאָט מיט דער מוטער
הערשנ, אינ א שאָ א גוטער,
יענעמ טאָג גלײַכ הייבט ער אָנ,
אונ ער הייסט: דער פירשט גווידאָנ.

האָט א שיפל זיכ געלאָזנ,
ווײַסע זעגלענ אָנגעבלאָזנ;
הוליעט אפנ יאמ דער ווינט,
טרײַבט דאָס שיפעלע געשווינד.
זעענ שיפלײַט דאָרט א וווּנדער,



יעדערער ווײַזט אָן באַזונדער;
אפֿן אינדזל זעט מען קלאָר,
ניט אין כאָלעם, אויף דער וואָר:
שטייט אַ נײַע שטאָט, גאָלדשפּיציק,
און אַ וואַנט זי צו באַשיצן,
און האַרמאַטן פֿון דעם ברעג
שטעלן אָפּ די שיף אין וועג.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען;
האָט גווידאָן זיי אויפֿגענומען
אי מיט שפּײַזן אי מיט ווײַן
און ער זאָגט די געסט דעררײַן:

„זאָגט מיר, געסט, מיט וואָס איר האַנדלט,
און וווהין, אָקאָרשט, איר וואַנדערט?"
ענטפערן אים אָפּ די לײַט:
„פאָרן פאָרן מיר פון ווײַט,
האַנדלען מיט אַזוינע סכוירעס,
ווי מיט סויבלען, ווי מיט טכוירן,
פאַרבײַ אינדזל־שטאָט בויאַן,
אין דעם לאַנד פון צאַר סאַלטאַן,
פאָרן מיר אין מיזרעך־געגנט
מיט די ברײטע וואַסער־וועגן".
האָט דער פירשט געזאָגט זיי דאַן:
„צום באַרימטן צאַר סאַלטאַן
איבער יאַמען, אָקעאַנען,
פאָרט געזונטערהייט פונדאַנען.
גיט אַ גרוס פון מיר אים אָפּ".
פאָרט די שיף פון אינדזל אָפּ.
מיט אַ האַרצן פול מיט אומעט
קוקט דער פירשט גווידאָן זיך אומעט:
איבער וואַסער גלײַך צו אים
יענער שוואַן דער ווײַסער שווימט.
„אַ גוט־מאָרגן, פירשט, דו פײַנער!
ס'איז דער קאָפּ געבויגן דײַנער?
ווי דער האַרבסט, ביסטו פאַרזאָרגט?" —
האָט צו אים דער שוואַן געזאָגט.

פּרוּווט דער פירשט דעם פויגל זאָגנ:
„ס׳טוט א בענקעניש מיכ נאָגנ,
קיינ זאכ איז מיט מיר געשענ;
כ׳וואָלט דעם פאָטער וועלנ זענ״.
זאָגט דער שוואנ: „א זאָרג אזא מינ!
הער זשע: מיט דער שיפ צוזאמענ
ווילסטו פליענ? מיטנ קוק
ווערסט פארוואנדלט אינ א מוק״.
אונ א שפּרייט די פליגל טוט ער,
אונ דאָס וואסער א צערודער,
אונ דעם פירשט גווידאָנ שפּריצט אָפּ
פונ די פיס אונ ביזנ קאָפּ.
דאָ האָט ער זיכ באלד פארמינערט
אינ א פינטעלע א דינער,
אינ א מוק פארוואנדלט זיכ
אונ אוועקגעפלויגנ גיכ
צו דער שיפ — אונ ט׳זיכ באהאלטנ
דאָרט אינ איינעם פונ די שפּאלטנ.

הוליעט אפנ יאם דער ווינט.
לויפט דאָס שיפעלע געשווינד
איבער יאמענ, אָקעאנענ,
אָט איז שוינ ניט ווייט פונדאנענ
דאָס באגערטע, שיינע לאנד

פון בארימטן צאר סאלטאן.
אָט איז מען צום ברעג געקומען;
צאר סאלטאן ט'זיי אופגענומען
און צו זיך פארבעטן זיי.
אונדזער העלד פליט גלײַך נאָך זיי.
גאָלד און זילבער פול דער פאלאץ,
נאָר דער טראָן שײַנט מער פון אלעם,
און אפ אים עס זיצט דער צאר,
זײַנע אויגן פול מיט צאר.
און די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
צו דעם קייסער צוגערוקט
אין די אויגן אים מע קוקט.
צוגעגרייט ז'א טיש א גרויסער.
נאָכדעם פרעגט אזוי דער קייסער:
„אוי, איר געסט, איר פײַנע לײַט!
וויפל פאָרט איר שוין? ווי ווײַט?
גוט צי שלעכט אין ווײַטער געגנט?
וועלכע וווּנדער ט'איר באגעגנט?”
און ער קריגט אן ענטפער שנעל:
„אויסגעפאָרן שוין א וועלט,
ס'לעבט זיך וויל דאָרט, נאָר באזונדער
איז צו זען אזא מין וווּנדער:
ס'איז אינמיטן אָקעאן

א פארוויסטער אינדזל פּראָנ.
ניט געלעבט האָט דאָרטן קיינער,
נאָר א דעמב געוואקסן איינער.
איצטער זיך צעוואקסן האָט
דאָרט א נייַע שיינע שטאָט
מיט פּאלאצן אפן ברעג דאָרט
און מיט קלויסטערס גאָלד־געדעקטע.
ס׳הערשט דער פירשט גווידאָן אין איר
און א גרוס ער שיקט צו דיר".
איז די זאך דעם צאר געפעלן.
„לעבן אויבער נאָר מיר וועלן,
זייַן דאָרטן באשטימ איך פעסט
בא דעם פירשט גווידאָן אין געסט".
און די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
ווילן ניט, דער קייסער זאָל
אפן אינדזל זייַן אמאָל.
„אויך א גרויסער וואונדער, כ׳לעבן,—
כיטרע האָט א ווונק געגעבן
און געזאָגט די קעכן דאן,—
ס׳איז א שטאָט באמ יאמ פאראן!
הערט, אָט איך ווייס פון א וואונדער:
ס׳שטייט א סאָסנעלע, דערונטער
א קליין וועווריקל עס שפּרינגט,

הריזעט ניסעלעך און זינגט.
און די ניסעלעך אזוינע:
יאָדערלעך—סמאראגדן ריינע,
גאָלדן שאָלעכץ אף די ניס,
דאָס איז וווּנדער אף געוויס!"
שטארק דערשטוינט הערט אויס דער קייסער.
און דער מוק ווערט בייזער, בייזער...
צו דער מומע גיט א פלי,
גלייַך אין רעכטן אויג א ברי.
איז די קעכן בלייך געוואָרן,
באלד דאָס רעכטע אויג פארלאָרן.
זאָגן אלע: „זעט, אוי וויי!"
און צום מוק מיט א געשריי:
„אך, פארשאָלטענער,ווארט אויסעט!
מירן דיך!.." און ער—אין דרויסן
דורכן פענצטער און אפגיך
פליט אהיים צוריק צו זיך.

ווידער שוין דער פירשט גייט אומעט
בא דעם בלויען יאַם אין אומעט
און דערזעט, אז גלייַך צו אים
יענער שוואן דער ווייַסער שווימט.
„א גוט־מאָרגן, פירשט דו פייַנער!
ס'איז דער קאָפּ געבויגן דייַנער?

— וואָס ביסטו אזוי פאַרזאָרגט?"
האָט צו אים דער שוואַן געזאָגט.
פּרוווט דער פירשט דעם פויגל זאָגן:
„ס'טוט א בענקעניש מיך נאָגן.
ס'איז די זאַך, וואָס איך באַגער,
איינע אויף דער וועלט, ניט מער.
ס'איז א וווּנדער איבער וווּנדער:
ס'שטייט א סאָסנע, און דערונטער
א קליין וועווריקל עס שפּרינגט,
הריזעט ניסעלעך און זינגט.
און די ניסעלעך אזוינע:
שאָלעכצלעך פון גאָלד פון ריינעם,
יאָדער — פּערעלעך זי קייט.
נאָר, קאָן זיין, עס ליגן לייט?"
זאָגט צום פירשט דער שוואַן דער ווייסער:
„דאפקע עמעס איז די מייסע.
פון דעם וווּנדער ווייס איך לאַנג,
און אומזיסט עס טוט דיר באַנק.
כ'וועל פאַר דיר מיט פאַרגעניגן
מיען זיך און אַלצדינג קריגן".
מונטער פון דעם פויגלס רייד
גייט דער פירשט אַהיים מיט פרייד.
אויפן הויף אַרופגעטראָטן —
זעט ער: — ס'שטייט א סאָסנע דאָרטן,

און אַ וועוועריקל עס שפּרינגט,
פּערל־יאָדערלעך עס שלינגט,
שאָלעכץ גאָלדענע איינציקע
קלײַבט צונויף אין קופּקעס קליינע.
זינגט זיך פריילעך, זינגט זיך פרײַ,
און עס פײַפט זיך צו דערבײַ
פאַרן גאַנצן אוילעם דאָרטן:
„אין אַ סעדעלע, אין גאָרטן".
האָט פאַרכידעשט זיך גווידאָן:
„זעסטו, וואָס אַ פויגל קאָן!
אײַ, אַ פויגל! זאָל גאָט געבן
אים געזונט און לאַנגן לעבן".
און ער בויט באַלד אויס פון גלאָז
פאַרן וועוועריקל אַ שלאָס.
שטיין אַפּ וואַך האָט ער באַפוילן,
און אַ דיאַק די ניסלעך ציילן
בײַ דעם וועווריק האָט געזאָלט:
רום — דעם וועווריק, זיך — דאָס גאָלד.

האָט אַ שיפל זיך געלאָזן,
ווײַסע זעגלען אָנגעבלאָזן;
הוליעט אַפן יאַם דער ווינט,
טרײַבט דאָס שיפעלע געשווינד,
פאַרבײַ הויכבערגיקן אינדזל,

וווּ די נײַע שטאָט געפֿינט זיך,
און האַרמאַטן פֿון דעם ברעג
שטעלן אָפּ די שיפֿ אין וועג.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען;
האָט גווידאָן זיי אויפֿגענומען
אי מיט שפּײַזן אי מיט ווײַן
און ער זאָגט צו זיי דעריײַן:
„זאָגט מיר, געסט, מיט וואָס איר האַנדלט,
און וווּהין, אָקאָרשט, איר וואַנדערט?"
ענטפֿערן אַזוי די לײַט:
„פֿאָרן פֿאָרן מיר פֿון ווײַט,
איבער גאָר דער וועלט געוואַנדלט
און מיט דאָנער פֿערד געהאַנדלט.
פֿאַרבײַ אינדזל־שטאָט בויאַן
אין דעם לאַנד פֿון צאַר סאַלטאַן
מיט די ברייטע וואַסער־וועגן
פֿאָרן מיר אין ווײַטער געגנט."
האָט גווידאָן געזאָגט זיי דאַן:
„צום באַרימטן צאַר סאַלטאַן
איבער יאַמען, אָקעאַנען,
פֿאָרט געזונטערהייט פֿונדאַנען.
און גיט איבער אײַער האַר:
ס'שיקט גווידאָן אַ גרוס דעם צאַר".

האָבן זיך די געסט צעזעגנט
און געלאָזט אין ווײַטע וועגן.
איז דער פֿירשט צום יאַם אַוועק,
און דער שוואַן וואַרט שוין באַם ברעג.
בעט דער פֿירשט: „דאָס האַרץ טוט ציִען,
ס'טראָגט אַזוי און ס'ווילט זיך פֿליִען...“
שפּריצט דער שוואַן אים ווידער אָפּ
גלײַך פֿון אויבן ביז אַראָפּ.
און פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿליגל
ווערט דער פֿירשט. צעשפּרייט די פֿליגל
און דעריאָגט דאָס שיפֿל באַלד
און פֿאַרוקט זיך אין אַ שפּאַלט.

הוליעט אָפּן יאַם דער ווינט,
שוועבט דאָס שיפֿעלע געשווינד
איבער יאַמען, אָקעאַנען.
אָט איז שוין ניט ווײַט פֿונדאַנען
דאָס באַגערטע, שיינע לאַנד
פֿון באַרימטן צאַר סאַלטאַן.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען.
צאַר סאַלטאַן ט'זיי אויפֿגענומען
און צו זיך פֿאַרבעטן זיי.
אונדזער העלד פֿליט גלײַך נאָך זיי.
גאָלד און זילבער פֿול דער פּאַלאַץ,

נאָר דער טראָגן שײַנט מער פון אַלעם,
און אױף אים עס זיצט דער צאַר,
זײַנע אױגן פול מיט צאַר.
און די באַבע באַבאַרעכן,
װעבערן און בלינדע קעכן
זיצן נאָענט צוגערוקט,
און װי זשאַבעס דרײַ מע קוקט.
שטײט שױן גרײט אַ טיש אַ גרױסער.
זאָגט די געסט אַזױ דער קײסער:
„אױ, איר געסט, איר פֿײַנע לײַט!
װיפֿל פֿאָרט איר שױן? װי װײַט?
גוט צי שלעכט איז װײַטער געגנט?
װעלכע װוּנדער ט'איר באַגעגנט?"
ענטפֿערן אַזױ די לײַט:
„פֿאָרן פֿאָרן מיר פון װײַט,
ס'לעבט זיך װױל דאָרט, נאָר באַזונדער
איז צו זען אַזאַ מין װוּנדער:
ס'איז אינמיטן אָקעאַן
אױף אַ באַרג אַ שטאָט פֿאַראַן
מיט פּאַלאַצן אױפֿן ברעג דאָרט
און מיט קלױסטערס גאָלד־געדעקטע.
בײַ אַ סאָסנע שטײט אַ שלאָס
פון דורכױס געשלײַפֿטן גלאָז.
און אין רײַכן שלאָס, אין גרױסן

לעבט א וועווריקל אנ אויסנאמ.
אונ דאָס וועווריקל עס שפּרינגט,
הריזעט ניסעלעכ אונ זינגט.
אונ די ניסעלעכ אזוינע:
שאָלעכצלעכ פונ גאָלד פונ ריינעמ,
יאָדער־פּערל איינס אינ איינס;
דינער דרייענ זיכ פאריינס,
אונ א דיאק האָט מענ באַפוילנ
זאָרגזאמ יעדער ניסל ציילנ,
קוקט, קיינ איינעמ לאָזט ניט דורכ;
כאיל שטייט דערביי מיט פורכט.
אינ די שפּייכלערס מיידלעכ לויפנ,
שיטנ אויס דאָרט פּערל הויפנס,
פונ דעמ שאָלעכצ מאכט מענ געלט
אונ מע לאָזט עס אינ דער וועלט.
אלע זיינענ רייכע דאָרטנ,
פּאלאצנ דורכויס אונ גאָרטנס.
אונ גווידאָנ איז זייער האר,
ער׳ט געשיקט א גרוס דעמ צאר״.
איז די זאכ דעמ צאר געפעלנ.
„לעבנ אויבער נאָר מיר וועלנ,
זיינ דאָרטנ באשטימ איכ פעסט
בא דעמ פירשט גווידאָנ אינ געסט״.
אונ די וועבערנ, די קעכנ,

מיט דער באבע באבארעכנ
ווילנ ניט, דער קייסער זאָל
אפנ אינדזל זײַנ אמאָל.
מיט א שמייכעלע א בייזנ
זאָגט די וועבערנ צומ קייסער:
„וואָס איז דאָ דער וווּנדער גרויס?
ס׳ברענגט א וועווריקל ארויס
בערג מיט פּערל, גאָלד אזויפיל,
אז מע שארט עס מיט די הויפנס.
ס׳איז קיינ וווּנדער, אונ מיר דאכט,
ס׳איז אינגאנצנ אויסגעטראכט.
ס׳איז א וווּנדער דאָ אנ אנדער:
ס׳וואָיעט זיכ דער יאמ פאנאנדער,

הייבט אָן זידן, גיט א גאָס,
זיך אפ פוסטן ברעג א לאָז,
טוט א פלייץ און טוט א ריס זיך, —
שפּאַנען דרײַ און דרײַסיק ריזן
פונעם יאַם צום ברעג אַרויס,
אַלע שיין, און הויך, און גרויס.
אפ זיי שופּן גאָלדענע ברענען,
איינער פונעם צווייטן שענער.
און פאָרויס, אין גרויע האָר,
שפּאַנט דער פעטער טשאָרנאָמאָר.
דאָס איז שוין א וואונדער איינמאָל,
וועסט ניט אָפּלייקענען קיינמאָל".
שווײַגן שטום די קלוגע לײַט,
קוקן, קלוימערשט, אָן א זײַט.
וואונדער — וואונדערט זיך דער קייסער,
און גווידאָן ווערט בייזער, בייזער...
הייבט אָן זשומען, גיט א פלי,
גלײַך אין לינקן אויג א גלי.
איז די מומע בלייך געוואָרן, —
„איי" — און גלײַך דאָס אויג פאַרלאָרן.
אַלע שרײַען: „כאַפּט זי, כאַפּט,
קוועטשט זי, האַרגעט זי און קלאַפּט...
מירן דיך, דו פליג, וואַרט אויסעט!"...
און גווידאָן איז שוין אין דרויסן,

און ער פֿליט אַוועק אַפּגיך
איבער יאַם צוריק צו זיך.

ארום יאַם דער פֿירשט גייט אומעט,
אַף די כוואַליעס קוקט מיט אומעט.
און דערזעט, אַז גלײַך צו אים
יענער שוואַן דער ווײַסער שווימט.
„אַ גוט־מאָרגן, פֿירשט דו פֿײַנער!
ס'איז דער קאָפּ געבויגן דײַנער?
וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרזאָרגט?" —
האָט צו אים דער שוואַן געזאָגט.
פּרוּווט דער פֿירשט דעם פֿויגל זאָגן:
„ס'טוט אַ בענקעניש מיך נאָגן,
וווּנדערלעכס געהערט האָב איך,
האָבן וויל איך עס בײַ זיך".
„וואָס זשע איז דאָרט פֿאַר אַן אויסנאַם?"
„ערגעץ דאָרט דער יאַם נעמט ברויזן,
הייבט אָן זידן, גיט אַ גאָס,
גיט זיך אַפּן ברעג אַ לאָז,
טוט אַ פֿלייץ און טוט אַ ריס זיך, —
שפּאַנען דרײַ און דרײַסיק ריזן
פֿונעם יאַם צום ברעג אַרויס
איינס אין איינס די הויך און גרויס,
אַף זיי שופּן גאָלדנע ברענען,

איינער פונעם צווייטנ שענער.
אונ פאָרויס, אינ גרויע האָר,
שפּאנט דער פּעטער טשאָרנאָמאָר".
זאָגט דער שוואנ: „מע דארפ ניט זאָרגנ,
קיינ זאכ איז פונ מיר פארבאָרגנ,
אויספּילנ כ'וועל דיינ פארלאנג,
פונעם וווּנדער ווייס איכ לאנג.
אָט די יאמ־העלדנ די פיינע
ברידער לייבלעכע מיר זיינענ.
זאָרג זשע ניט אונ רויִק גיי,
באלד צו גאסט קאָנסט ווארטנ זיי.

זיצט אונ קוקט פונ הויכנ טורעמ
אפנ יאמ דער פירשט. א שטורעמ
ווערט מיטאמאָל אונ א בליצ.
גיט דער יאמ אזוי א שמיצ,
טוט א פלייצ אונ טוט א ריס זיכ,
שפּאנענ דריי אונ דרייסיק ריזנ
פונעם יאמ צומ ברעג ארויס
איינס אינ איינס די הויכ אונ גרויס.
גייענ פאָרלעכווייז די ריזנ,
בלישטשענדיק מיט פייער־שפּיזנ.
אונ פאָרויס, אינ גרויע האָר,
שפּאנט דער פּעטער טשאָרנאָמאָר.



לויפט צו זיי גווידאָנ אנטקעגנ,
אונ די ליבע געסט באגעגנט.
אונ דער אוילעמ לויפט שוינ אויכ.
טשאָרנאָמאָר צומ פירשט זאָגט הויכ:
„ס׳האָט געשיקט דער שוואנ דער ווילער,
אונ פארזאָגט אונדז, אונ באפוילנ,
היטנ זאָלנ מיר דײַנ שטאָט
פונ אנ אומגליק, פונ א שאָד.
איצטער וועלנ מיר צוזאמענ
אלע טאָג פונ טיפע יאמענ
קומענ אומבאדינגט צו גיינ,
בא די ווענט, די הויכע, שטיינ.
איז, צומ ווידערזענ, דערווײַל נאָר

מוזן מיר אין יאַם זיך אײַלן:
שווער איז אונדז די לופט פון ברעג".
און זיי זײַנען גלײַך אַוועק.

האָט אַ שיפל זיך געלאָזן,
ווײַסע זעגלען אָנגעבלאָזן.
הוליעט אפן יאַם דער ווינט,
טרײַבט דאָס שיפעלע געשווינד
פאַרבײַ הויכבערגיקן אינדזל,
וווּ די נײַע שטאָט געפינט זיך.
און האַרמאַטן פון דעם ברעג
שטעלן אָפּ די שיף אין וועג.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען;
האָט גווידאָן זיי אויפגענומען
אי מיט שפּײַזן אי מיט ווײַן
און ער זאָגט צו זיי דערײַן:
„זאָגט מיר, געסט, מיט וואָס איר האַנדלט,
און וווּהין, אָקאָרשט, איר וואַנדערט?"
ענטפערן אַזוי די לײַט:
„פאָרן פאָרן מיר פון ווײַט,
האַנדלען זילבער, גאָלד און אײַזן.
איצטער לאָזן מיר זיך רײַזן
פאַרבײַ אינדזל־שטאָט בויאַן,
אין דעם לאַנד פון צאַר סאַלטאַן,

מיט די ברייטע וואסער־וועגן
פאָרן מיר אין ווײַטער געגנט".
האָט גווידאָן געזאָגט זיי דאן:
„צום בארימטן צאר סאלטאן
איבער יאמען, אָקעאנען,
פאָרט געזונטערהייט פונדאנען
און גיט איבער אײַער האר:
ס'שיקט גווידאָן א גרוס דעם צאר".

האָבן זיך די געסט געזעגנט
און געלאָזט אין ווײַטע וועגן.
איז גווידאָן צום יאם אוועק,
און דער שוואן װארט שוין באם ברעג.
בעט דער פירשט: „דאָס הארץ טוט ציִען,
ס'טראָגט אזוי און ס'ווילט זיך פליִען..."
שפריצט דער שוואן אים ווידער אָפ
גלײַך פון אויבן ביז אראָפ.
האָט ער באלד זײַן גרייס פארלאָרן,
קלענער פון א בין געוואָרן.
מיט א זשומערײַ אוועק,
אָנגעיאָגט די שיף אין וועג,
אָנגעיאָגט און זיך באהאלטן
דאָרט אין איינעם פון די שפאלטן.

הוליעט אפּנ יאמ דער ווינט,
שוועבט דאָס שיפעלע געשווינד
איבער יאמענ, אָקעאנענ.
אָט איז שוינ ניט וויַט פונדאנענ
דאָס באגערטע שיינע לאנד
פונ בארימטנ צאר סאלטאנ.
זיַנענ געסט צומ ברעג געקומענ.
צאר סאלטאנ ט'זיי אופגענומענ
אונ צו זיכ פארבעטנ זיי.
אונדזער העלד פליט גלייַכ מיט זיי.
גאָלד אונ זילבער פול דער פאלאצ,
נאָר דער טראָנ שיַינט מער פונ אלעמ,
אונ אפ אימ עס זיצט דער צאר
זיַינע אויגנ פול מיט צאר.
אונ די באבע באבארעכנ,
וועבערנ אונ בלינדע קעכנ
זיצנ נאָענט צוגערוקט
אונ ווי זשאבעס דריַ מע קוקט.
שטייט שוינ גרייט א טיש א גרויסער.
זאָגט די געסט אזוי דער קייסער:
„אוי, איר געסט, איר פיַינע לייַט!
וויפל פאָרט איר שוינ? ווי וויַיט?
גוט צי שלעכט אינ וויַטער געגנט?
וועלכע וואונדער ט'איר באגעגנט?"

ענטפערן אזוי די לײַט:
„פֿאָרן פֿאָרן מיר פֿון ווײַט,
ס'לעבט זיך ווייל דאָרט, נאָר באַזונדער
איז צו זען אזא מין וווּנדער:
ס'איז אינמיטן אָקעאַן
אַף א באַרג א שטאָט פֿאַראַן.
מיט פּאַלאַצן אַפֿן ברעג דאָרט
און מיט קלויסטערס גאָלד־געדעקטע.
דאָרט א וווּנדער טרעפֿט טאָגטעגלעך:
ס'הייבט דער יאַם אָן ווילדע שרעקלעך,
הייבט אָן זידן, גיט א גאָס,
זיך אַף פּוסטן ברעג א לאָז,
טוט א פּלייץ און טוט א ריס זיך, —
שפּאַנען דרײַ און דרײַסיק ריזן
פֿונעם יאַם צום ברעג אַרויס
איינס אין איינס די הויך און גרויס.
אַף זיי שופּן גאָלדנע ברענען,
איינער פֿונעם צווייטן שענער,
און פֿאָרויס, אין גרויע האָר,
שפּאַנט דער פֿעטער טשאָרנאָמאָר.
פֿאָרלעכווײַז ער פֿירט די ריזן,
און מיט רויטע פֿײַער־שפּיזן
היטן גייען זיי די שטאָט
פֿון אַן אומגליק, פֿון א שאָד.

און אזוינע דינער העלדן,
דרייסטע, טרייע — קריגט מען זעלטן.
און גווידאָן איז דאָרט דער האר.
ער'ט געשיקט א גרוס דעם צאר".
איז די זאך דעם צאר געפעלן.
„לעבן אויבער נאָר מיר וועלן,
זיין דאָרטן באשטימ איך פעסט
בא דעם פירשט גווידאָן אין געסט".
און די וועבערן, די קעכן
שוויגן שטום, נאָר באבארעכע
מיט א שמייכל שיסט ארויס:
„וואָס איז דאָ דער וואונדער גרויס?
מענטשן פונעם יאם דאָרט קומען
און ווי וועכטער בלאָנקען אומעט,
אויך א וואונדער, און מיר דאכט,
ס'איז איינגאנצן אויסגעטראכט.
אפ דער וועלט אזעלכע וואונדער
קאָן מען ציילן אין די הונדערט.
אָט וואָס ווירקלעך איז — פאראן
ערגעץ הינטער אָקעאן
א פרינצעסן — אין איר שטערן
בלענדט באטאָג א גרויסער שטערן,
אונטער צאָפ דער מוילעד העלט
און באלויכט באנאכט די וועלט.

אונ אלײנ איז זי א שלאנקע,
ביז די קני די צעפ די לאנגע,
װי א פּאװע שװימט ארױס.
רעדט זי— װי א טײַכל ברױזט.
דאָס איז שױנ א װוּנדער אײנמאַל,
װעסט ניט אָפּלײקענענ קײנמאָל".
שװײַגנ זיכ די קלוגע לײַט,
קוקנ, קלוימערשט, אינ א זײַט.
װוּנדער—װוּנדערט זיכ דער קײסער,
אונ גװידאָנ װערט בײז אונ בײזער,
נאָר ראכמאָנעס האָט ער פּאָרט
אפ זײַנ באבעס אױג. אנ אָרט
זוכט ער, דרײט זיכ לעמ דער באבענ,
זעצט זיכ אפ דער נאָז דער גראָבער,
גיט א ביס די נאָז בא איר,
אונ עס לױפט אופ א געשװיר.
װײַטער װערט א גרױס גערודער:
„גאָט אינ הימל! װײ עס טוט מיר!
ראטעװעט! אָט איז ער, כאפּט,
קװעטשט אימ, הארגעט אימ אונ קלאפּט...
מירנ דיכ, אָקאָרשט, װאַרט אױכעט!"
אונ גװידאָנ איז שױנ אינ דרױסנ,
אונ ער פליט אװעק אפגיכ
איבער יאמ אהײמ צו זיכ.

ארומ יאמ דער פירשט גייט אומעט,
אפ די כוואליעס קוקט מיט אומעט.
אונ דערזעט, אז גלײַכ צו אימ
יענער שוואנ, דער ווײַסער שווימט.
„א גוט־מאָרגנ, פירשט דו פײַנער!
ס'איז דער קאָפּ געבויגנ דײַנער?
וואָס ביסטו אזוי פארזאָרגט?" —
האָט צו אימ דער שוואנ געזאָגט.
פרוּווט דער פירשט דעמ פויגל זאָגנ:
„ס'טוט א בענקעניש מיכ נאָגנ.
עלנט בינ איכ ווי א שטיינ,
דו פארשטייסט דאָכ וואָס איכ מיינ".
„האָסט שוינ עמעצנ אינ זינענ?"
„יאָ, אינ איינער א מעדינע
ערגעצ הינטער אָקעאנ
א פרינצעסנ איז פאראנ
גאָר א וווּנדער—פונ איר שטערנ
שײַנט באטאָג ארויס א שטערנ,
אונטער צאָפּ דער מוילעד העלט
אונ באליכט באנאכט די וועלט.
אונ אליינ איז זי א שלאנקע,
ביז די קני די צעפּ די לאנגע,
ווי א פאווע שווימט ארויס.
רעדט זי—ווי א טײַכל ברויזט.

נאָר קאָנ זײַנ, דאָס איז א ליגנ?״ —
אונ ער בלײַבט מיט שרעק אנשוויגנ.
ענטפערט אימ אזוי דער שוואנ:
„אפ דער וועלט אזא פאראנ.
נאָר א פרוי איז ניט קײנ לײַבל —
ווילסט נאָר — קאָנסטו אינ דעמ בלײַבנ,
וואָס דו ווילסט — דו טוסט דערמיט,
ס׳ליגט, קײנ עסנ בעט עס ניט.
איכ וועל דיר אנ אײצע געבנ:
דו בארעכנ זיכ, מײַנ לעבנ,
אונ באטראכט זיכ נאָכ אונ נאָכ,
ניט פארדריסנ זאָל דערנאָכ״.
נעמט דער פירשט פאר אימ זיכ שווערנ,
אז ס׳איז צײַט א כאָסנ ווערנ,
אז ער האָט שוינ אָט די זאכ
ווי געהעריק דורכגעטראכט.
אונ אז נאָכ דעמ שײנעמ מײדל,
וואָס איז שײַעכ דאָ צו רײדנ,
גאנצע טויזנט מײַל אונ מער
גײנ צופוס איז אימ ניט שווער.
האָט דער שוואנ א זיפצ געגעבנ
אונ א זאָג געטאָנ: „מײַנ לעבנ,
זוכ דײַנ גליק דאָ ארומ זיכ,
די פרינצעסנ — דאָס בינ איכ״.

און צעשפּרייט די ברייטע פליגל
איבער בלויען וואַסער־שפּיגל,
און געגעבן זיך א לאָז
פון דער הייך אין גרינעם גראָז.
דאָרט די פליגלען אָנגעוואָרן,
א פּרינצעסן באלד געוואָרן.
ס׳ברענט א שטערן אין איר קאָפּ,
ס׳ליכט דער מוילעד אונטער צאָפּ.

און אַליין איז זי א שלאַנקע,
ביז די קני די צעפּ די לאַנגע,
ווי א פּאַווע שווימט ארויס.
רעדט זי — ווי א טײַכל ברויזט.
נעמט ארום דער פירשט זי לוסטיק
און ער דריקט צו צו דער ברוסט זי,
פירט זי אָפּ אין שלאָס צו זיך,
צו דער ליבער מוטער גיך
און ער פאלט צו אירע קניִעס:
„קייסעריניע, מוטער, כיִעס!
זע, א ווײַב געבראכט כ'האָב מיר,
א געטרײַע טאָכטער דיר.
כ'קאָן מיט איר זיך ניט צעשיידן,
בענטש אונדז, ליבע מוטער, ביידן,
זײַן זאָל מען געזונטערהייט
אי אין פרידן אי אין פרייד".
„רעכט, מײַן קינד, מײַן בראָכע האָסטו", —
צו די קעפּ אראָפּגעלאָזטע
רעדט די קייסעריניע שטיל:
„גאָט זאָל אײַך באצאָלן פיל".
האָט דער פירשט גווידאָן באפעלן
גאָר אינגיכן כופּע שטעלן,
און זיי לעבן גוט אצינד
און מע ריכט זיך אָפּ א קינד.

האָט א שיפֿל זיך צעלאָזן,
ווײַסע זעגלען אָנגעבלאָזן.
הוליעט אפן יאַם דער ווינט,
טרײַבט דאָס שיפעלע געשווינד
פארבײַ הויכברעגיקן אינדזל,
ווו די נײַע שטאָט געפינט זיך,
און הארמאטן פון דעם ברעג
שטעלן אָפּ די שיפּ אין וועג.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען,
האָט גווידאָן זיי אופגענומען
אי מיט שפּײַזן אי מיט ווײַן
און ער זאָגט צו זיי דערײַן:
„זאָגט מיר, געסט, מיט וואָס איר האנדלט
און וווהין, אָקאָרשט, איר וואנדערט?"
ענטפערן אזוי די לײַט:
„פאָרן פאָרן מיר פון ווײַט.
האנדלען איז אונדז אויך געראָטן
מיט אָט דעם, וואָס איז פארבאָטן.
פארבײַ אינדזל־שטאָט בויאן,
אין דעם לאנד פון צאר סאלטאן,
מיט די ברייטע וואסער־וועגן
פאָרן מיר אין מיזרעך־געגנט".
האָט דער פירשט געזאָגט זיי דאן:
„צום בארימטן צאר סאלטאן,

איבער יאמען, אָקעאנען,
פּאָרט געזונטערהייט פונדאנען.
און דערמאָנען זאָלט איר דאָרטן:
ווו איז דאָס דעם קייסערס וואָרט?
ער האָט צוגעזאָגט דאָך קומען,
איז ער דען אזוי פארנומען?
גיט א גרוס פון מיר אים אָפּ".
איז די שיף פון אינדזל אָפּ.
און גווידאָן איז שטוב פארבליבן,
ערגעץ זיך ניט אויסגעקליבן.

הוליעט אפן יאם דער ווינט,
שוועבט דאָס שיפעלע געשווינד
איבער יאמען, אָקעאנען.
אָט איז שוין ניט ווײַט פונדאנען
דאָס באגערטע, שיינע לאנד
פון בארימטן צאר סאלטאן.
זײַנען געסט צום ברעג געקומען.
צאר סאלטאן ט'זיי אופגענומען
זייער שיין, און ער אליין —
אפן טראָן און אין א קרוין.
און די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
זיצן באָענט צוגערוקט

און מיט אויגן פיר מע קוקט.
שטייט שוין גרייט א טיש א גרויסער;
און סע פרעגט אזוי דער קייסער:
„אוי, איר געסט, איר פײַנע לײַט!
וויפל פאָרט איר שוין? ווי ווײַט?
גוט צי שלעכט אין ווײַטער געגנט?
וועלכע וווּנדער ט'איר באגעגנט?"
ענטפערן אזוי די לײַט:
„פאָרן פאָרן מיר פון ווײַט,
ס'לעבט זיך ווויל דאָרט, נאָר באזונדער
איז צו זען אזא מין וווּנדער:
ס'איז אינמיטן אָקעאן
אַפ א בארג א שטאָט פאראן
מיט פאלאצן אפן ברעג דאָרט
און מיט קלויסטערס גאָלד־געדעקטע,
בא א סאָסנע שטייט א שלאָס
פון דורכויס געשלײַפטן גלאָז,
און אין רײַכן שלאָס, אין גרויסן,
לעבט א וועווריקל אַן אויסנאם.
און דאָס וועווריקל עס שפּרינגט,
הריזעט ניסעלעך און זינגט.
און די ניסעלעך אזוינע:
שאָלעכצלעך פון גאָלד פון ריינעם,
יאָדער—פּערל איינס אין איינס.

דינערס דרייען זיך פארייִנס.
דאָרט איז דאָ נאָך עפּעס אנדערש.
ס'וויעט זיך דער יאַם פאַנאַנדער,
הייבט אָן זידן, גיט א גאָס,
זיך אַף פּוסטן ברעג א לאָז,
טוט א פּלייץ און טוט א ריס זיך,
שפּאַנען דריי און דרייַסיק ריזן
פונעם יאַם צום ברעג ארויס,
אַלע שיין און הויך און גרויס.
אַף זיי שופּן גאָלדנע ברענען,
איינער פונעם צווייטן שענער.
און פאָרויס, אין גרויע האָר,
שפּאַנט דער פעטער טשאַרנאָמאָר.
און אזוינע וועכטער העלדן,
דרייסטע, טרייַע — קריגט מען זעלטן.
און באַם פירשט איז דאָ א פרוי,
פּרעכטיק שיין איז זי אזוי.
גאָר אַף וואונדער — אין איר שטערן
בלענדט באַטאָג א גרויסער שטערן,
אונטער צאָפּ דער מוילעד העלט
און באַלויכט באַנאַכט די וועלט.
ס'איז דער פירשט גווידאָן געהויבן,
אַלע גרויסן אים און לויבן,
און ער האָט אַף דיר פאַרדראָס:

סטײַטש, זאָגט ער, פאר װען, פאר װאָס?
צוגעזאָגט האָסטו דאָך קומען,
ביסטו דען אזוי פארנומען?"

דאָ האָט זיך דער צאר געשטעלט, —
אויסריכטנדיק דעם פּלאַט באַפעלט.
און די װעבערן, די קעכן,
מיט דער באָבע באַבאַריכן
װילן ביט, דער קייסער זאָל
אפּן אינדזל זײַן אמאָל.
װײַל אָבער דער קייסער זײַן דאָרט,
הערט ער ביט װאָס יענע טײַנען:
„כ'בין א קייסער צי א קינד?" —
זאָגט ער זיי שוין שטרענג אצינד.
גיט א טופּע: „הײַנט נאָך פאָר איך!"
און פארהאקט די טיר פון צאָרן.

זיצט גווידאָן און קוקט זיך סטאם
דורכן פענצטער אפּן יאַם.
זעט ער: איבער בלויע טיפן
װײַזן זיך פונװײַטן שיפן.
און דער יאַם איז אײַנגעשטילט,
ביט ער װויעט, נאָר ער שפּילט.
פאָרט א פלאָט פון װײַטער געגנט

מיט די ברייטע וואסער־וועגן.
און גווידאָן דערקענט אים באלד.
שפּרינגט ער אוף און מאכט א גוואלד:
„קייסערינ׳יע, מוטער מײַנע!
דו, מײַן לעבן, פירשטן פּײַנע!
גיכער, קוק, מיר דאכט זיך פאָרט,
אז אהער מײַן פאָטער פאָרט.
שווימט דער פלאָט צום אינדזל נע׳נטער,
קוקט גווידאָן אין טרויב, דערקענט ער:
ס׳שטייט סאלטאן דאָרט אויבנאָן
און אף אים זײַן טרויב צילט אָן;
און די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
שטייען אויך דאָרט האַט בא האנט
און באוואונדערן דאָס לאנד.
פלוצעם שיסן אויס הארמאטן,
קלינגען גלעקער, און צום טאטן
גייט גווידאן אליין אוועק,
און באגעגנט אים באם ברעג
מיט דער וועבערן, דער קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן;
נעמט דעם קייסער פאר דער האנט,
שווײַגט און פירט צו זיך אין לאנד.

פירט זיי צו צום פּאַלאַץ־מויער,
בלישטשענ פאנצערנ באמ טויער.
אונ דער קייסער זעט דערבײַ:
ס'שטייענ ריזנ דרײַסיק דרײַ.
איינע זײַנען זיי אינ איינע,
העלדנ יונגע, זייער שיינע.
צווישנ זיי, אינ גרויע האָר,
שטייט דער פעטער טשאַרנאָמאָר.
אונ אינ הויף — א נײַער וווּנדער:
שטייט א סאָסנעלע, דערונטער
א קליינ ווערוויקל עס שפּרינגט,
הריזעט ניסעלעכ אונ זינגט.
יאָדערלעכ — ברילִיאַנטנ ריינע
שיט אינ זעקעלעכ אינ קליינע.
שאָלעכצ גאָלדענע ארומ
וואלגערנ זיכ אומעטום.
נעענטער זיי גייענ אונטער, —
אונ א פירשטנ נאָר אפ וווּנדער,
ווי א פּאווע שווימט ארויס.
רעדט זי — ווי א טײַכל ברויזט.
פונ איר שטערנ שײַנט א שטערנ,
שײַנט אזוי, פארבלענדט צו ווערנ,
פירט די שוויגער פאר דער האנט.
זעט דער קייסער — אונ דערקענט...

דאָ האָט אים א נעם געגעבן:
„וועמען זע איך, דיך, מײַן לעבן?
ווי?..״ און ט׳זיך צעוויינט אליין
מיט א ביטערן געוויין.
נאָכדעם איז געוואָרן פריילעך,
נעמט ארום זײַן פרוי דער מיילעך,
קושט די ביידע קינדער הייס.
און עס איז די סימכע גרויס.
און די וועבערן, די קעכן,
מיט דער באבע באבארעכן
לויפן זיך פאנאנדער גיך.
קוים געפונען זיי א־ין קיך.
אין די ווינקלען שטיין געטראָפן,
בעטן זיי, נאָר שטארק ניט שטראָפן.
און דער קייסער פאר גרויס פרייד
לאָזט זיי אָפּ געזונטערהייט.
גיך דער טאָג איז דורכגעלאָפן.
שיקערלעך סאלטאנ גייט שלאָפן.
כ׳האָב דאָרט מעד פארזוכט און ביר —
און די וואָנצן נאָר באשמירט.

Редактор перевода — С. Галкин. Техредактор — М. Погостер Корректор — М. Розенгауз. Сдано в набор 11|X-37 г. Подписано к печати 15|XI-37 г. Ф. Б. 62X94 1|16. 3 1|4 п. л. Уполном. Главлита РСФСР Б — 24469. »Эмес» № 107. Тираж 5000.

Тип. «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. 779.